**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/16/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז איין מיליאן מאלצייטן זענען פארטיילט געווארן פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס דורך ניו יארק סטעיט'ס שותפות מיט HELLOFRESH**

***געעפנט צו באקעמפן עסן אומזיכערהייט דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע, בויט "וועטעראנען פיטערן וועטעראנען" פראגראם אויף פובליק-פריוואטע שותפות צו צושטעלן פרישע און געזונטע מאלצייטן צו נויטבאדערפטיגע***

***HelloFresh אנאנסירט ווייטערע פינאנציעלע שטיצע פאר דעם פראגראם פאר 2023***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז איין מיליאן מאלצייטן זענען פארטיילט געווארן פאר ניו יארק'ס וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס דורך א שותפות צווישן די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס (Division of Veterans' Services, DVS) און HelloFresh, די וועלט'ס גרעסטע מאלצייט פעקל דעליווערי פירמע. די שותפות איז אנגעהויבן געווארן צו באקעמפן עסן אומזיכערהייט וואס איז פארערגערט געווארן דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע, און עס בויט אויף די ערפאלגרייכע 'ערנער ניו יארק' (Nourish New York) אינציאטיוו — א באמיאונג צווישן מערערע אגענטורן צו פארמינערן עסן אומזיכערהייט און צו שטיצן עסנווארג פראדוצירער אריבער די סטעיט. אין די זעלבע צייט האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז HelloFresh האט צוגעזאגט צו פינאנצירן דעם פראגראם אויך אין 2023 צו העלפן פארזיכערן אנגייענדע צוטריט צו פרישע און געזונטע מאלצייטן פאר ניו יארקער וועלכע האבן געדינט און וועלכע זעצן פאר צו דינען אין מיליטער.

"דורכאויס די פאנדעמיע האבן ניו יארקער זיך אפגערופן און ארויסגעקומען צו העלפן די שוואכסטע צווישן אונז, אריינרעכענענדיג אונזערע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס, דורכאויס פרעצעדענטלאזע אומשטענדן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר באדאנקען HelloFresh פאר די אנגייענדע שותפות וואס העלפט באקעמפן עסן אומזיכערהייט און מאכט זיכער אז די וועלכע האבן געדינט אונזער געוואלדיגע סטעיט און לאנד האבן די מעגליכקייט צו צוקומען צו פרישע און געזונטע עסן אויף א כסדר'דיגן פארנעם."

"מיר זענען שולדיג פאר אונזערע וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס א חוב פון הכרת הטוב וואס מיר קענען קיינמאל נישט פולקאם צוריקצאלן", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ געזאגט.** "דורך די שותפות מיט HelloFresh וועלן מיר פארזעצן צו אדרעסירן עסן אומזיכערהייט וואס דראהעט אויף וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס דורכאויס דעם האלידעי סעזאן און נאכדעם. עס איז געווען אן עהרע זיך צו אנשליסן מיט פריינט און לאקאלע וועטעראנען ביי די הויפטקווארטיר פון 'קאמפיין קעגן הונגער' (The Campaign Against Hunger, TCAH) היינט צו פייערן דעם פראגראם'ס הצלחה און צו אנהויבן די קומענדיגע קאפיטל דערפון."

ליוטענאנט גאווערנער דעלגאַדאָו האט זיך אנגעשלאסן מיט CEO o'HelloFresh US, אוּע וואָס, צו ארויסווייזן די הצלחה פון דעם פראגראם דורכאויס א באזוך צו די קאמפיין קעגן הונגער הויפטקווארטיר. פריער היינט האבן וועטעראן וואלונטירן איינגעפאקט 2,000 מאלצייט פעקלעך ביי די הויפטקווארטיר וועלכע וועלן דעליווערט ווערן צו וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס פאר די 'טענקסגיווינג' האלידעי. די פעקלעך האבן אינדיג פלייש און נאך מאכלים, אריינרעכענענדיג קארטאפל און זיסע קארטאפל, קרענבעריס און אנדערע פרוכט און גרינצייג; קעז הינדל בעקעלע פעקלעך; און קירבעס (סקוואש), בונדלעך און לאקשן פעקלעך.

**CEO o'HelloFresh US וואָס האט געזאגט,** "מיר זענען באזונדערס שטאלץ צו שטיצן וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס — א גרופע וואס האט זעלבסטלאז געדינט די לאנד, אבער מיר אנערקענען אז עס איז נאך דא ארבעט צו געטוהן ווערן צו פארגרינגערן עסן אומזיכערהייט און מאכן פרישע עסן צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער. מיר זענען דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט און פאר אונזערע שותפות'ן מיט ניו יארק סטעיט, די NYC דעפּארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס ( Department of Veterans' Services), די קאמפיין קעגן הונגער און טונקל-הויטיגע וועטעראנען (Black Veterans) וועלכע העלפן אונז האבן א באדייטפולע השפעה אין די קאמיוניטי דורך אונזערע 'מאלצייטן מיט באדייט' ( Meals with Meaning) פראגראם."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס דירעקטארין, וויוויענע דעקאָוהען, האט געזאגט,** "די צוזאג פאר סערוויס זעצט פאר פאר אזויפיל מענטשן, און די איניציאטיוו איז א שיינענדע ביישפיל פון וועטעראנען וואס העלפן ארויס אנדערע וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס. עס קומט זיך נישט פאר קיין איין וועטעראן, מיליטער מיטגליד אדער מיליטער פאמיליע צו אריבערגיין עסן אומזיכערהייט. מיר ווילן לויבן גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט און HelloFresh פאר זייער ברייטהארציגקייט און פארן נוצן זייערע מיטלען צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייט. מיר באדאנקען אויך אונזערע קאמיוניטי שותפים פאר זייער ארבעט וואך איין וואך אויס צו ברענגען דעם פראגראם צום לעבן."

HelloFresh און ניו יארק סטעיט האבן אנגעהויבן די "וועטעראנען פיטערן וועטעראנען" ( Veterans Feeding Veterans) איניציאטיוו אין יוני פון 2020. וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס מוטשענען זיך מיט עסן אומזיכערהייט צוויי מאל אזוי סאך ווי די אלגעמיינע פובליק, און דורכאויס קאוויד-19 איז די השפעה דערפון געווען אפילו גרעסער אזוי ווי פילע מענטשן האבן נישט געקענט פארלאזן זייערע היימער צוליב א שוואכע געזונטהייט צושטאנד. דער פראגראם האט אויסגעשטרעקט א רעטונגס שטריק פאר וועטעראנען אין פארשידענע עלטער, פון די יונגע 20'ער ביז די מיטן 90'ער אין ניו יארק סיטי, די נאָרט קאנטרי און מערב ניו יארק.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) קאמישאנער, דעניעל וו. טיעץ, האט געזאגט,** "דאס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון צוזאמענארבעט צווישן רעגירונג, ביזנעס און שתדלנות גרופעס צו באקעמפן עסן אומזיכערהייט צווישן די וועלכע האבן אזויפיל מקריב געווען פאר זייער לאנד. א דאנק די בייגעשטייערטע מאלצייטן וועלן ניו יארקע וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס פארזעצן צו האבן געזונטע און נארהאפטיגע עסן און אלעס וואס זיי דארפן פאר א פריליכע טענקסגיווינג האלידעי."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets) קאמישאנער, ריטשארד באל, האט געזאגט,** "כאטש מיר קענען קיינמאל נישט פולקאם צוריקצאלן די חוב וואס מיר זענען שולדיג פאר אונזערע וועטעראנען, דאך קענען מיר טוהן אלעס וואס איז אין אונזער האנט זיי צו שטיצן און זיי אויפהייבן איינמאל זיי קומען צוריק פון זייער דינסט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און HelloFresh פאר זייער ארבעט צו באקעמפן עסן אומזיכערהייט. די אנגייענדע שותפות וועט העלפן מאכן פארשריט מיט אונזער מיסיע צו זיכער מאכן אז

יעדע ניו יארקער קען שטעלן עסן אויף זייער טיש, באזונדערס די בראווע מענער און פרויען וועלכע האבן געקעמפט פאר אונזערע פרייהייטן."

יעדע וואך אין ניו יארק סיטי קומען זיך צוזאם וואלונטירן פון 'טונקל-הויטיגע וועטעראנען פאר געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט' (Black Veterans for Social Justice) און פון די קאמפיין קעגן הונגער צו פאקן און צוזאמשטעלן אומזיסטע HelloFresh מאלצייט פעקלעך פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און זייערע פאמיליעס וועלכע מוטשענען זיך מיט עסן אומזיכערהייט. די מאלצייט פעקלעך ווערן געפאקט ביי די קאמפיין קעגן הונגער'ס הויפטקווארטיר – און זיי ווערן פארטיילט – מיט די וועכענטליכע ארגאניזירטע הילף פון די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס.

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "עסן אומזיכערהייט צווישן אונזערע וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס איז א מאראלישע און נאציאנאלע בראך און מיר מוזן פארלאנגען א בעסערע מצב. די וועלכע האבן געדינט אין די מיליטער האבן מקריב געווען גאר אסאך פאר אונזער לאנד, און מיר האבן א מאראלישע פליכט זיך צו אפגעבן מיט זיי ווען זיי מוטשענען זיך. זיכער מאכן אז וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס האבן צוטריט צו עסן פון א הויכע קוואליטעט איז קריטיש צו די מאראלישע פליכט, צו אנהאלטן די גרייטקייט צווישן אונזערע אקטיווע דינסט קרעפטן און צו זיכער מאכן אז פאטענציאלע רעקרוטן זעהען די מיליטער אלץ א גינסטיגע קאריערע. שותפות'ן ווי די וועטעראנען פיטערן וועטעראנען איניציאטיוו זענען קריטיש צו אדרעסירן דעם אנגעלעגנהייט, און איך וויל באדאנקען HelloFresh פאר זייערע ביישטייערונגען און באמיאונגען צו פיטערן אונזערע וועטעראנען און מיליטער פאמיליעס אריבער גאנץ ניו יארק."

**סטעיט סענאטארשע ראַקסען דזש. פערסאוד האט געזאגט,** "היינט – שטייענדיג בלויז געציילטע טעג נאך מיר האבן באעהרט און געפייערט אונזערע וועטעראנען אויף וועטעראנס דעי – פייערן מיר די ניו יארק סטעיט'ס וועטעראנען פיטערן וועטעראנען איניציאטיוו'ס מיליאנסטע מאלצייט צו פארטיילט ווערן. די שותפות צווישן די סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס, ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס און HelloFresh ביים צושטעלן מאלצייטן גייט א לאנגע וועג ביים צוריקברענגען די כבוד הבריות פון די וועלכע האבן געדינט אונזער לאנד. עס אונזער אחריות צו זיכער מאכן אז קיין איין וועטעראן בלייבן נישט אן א מאלצייט, און איך אפלאדיר די שותפות. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן צו גיבן שטיצע סערוויסעס פאר אונזערע וועטעראנען.

**ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס קאמישאנער, דזשעימס הענדאן, האט געזאגט,** "ביי די דעפארטמענט פון וועטעראנען סערוויסעס ווערן אונזערע הערצער דערווארעמט צוליב די עררייכונג פון די מיליאנסטע מאלצייט. עס איז נאך א באווייז אז ווען מיר ארבעטן צוזאמען אלץ א קאמיוניטי קענען מיר בויען איניציאטיוון און בויען שותפות'ן וועלכע האבן די מעגליכקייט צו באהאנדלען עסן אומזיכערהייט פאר אונזערע וועטעראנען און זייערע פאמיליעס מיט די פולע קראפט."

**די קאמפיין קעגן הונגער עקזעקיוטיוו דירעקטארין און גרונדערין, דר. מעלאני סעמיוּעלס, האט געזאגט,** "מיר פייערן HelloFresh'ס דערגרייכונג צו זייער מיליאנסטע מאלצייט! די קאמפיין קעגן הונגער'ס שותפות מיט HelloFresh, ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי האט געטוישט די ריכטונג פון עסן אומזיכערהייט צווישן אונזערע וועטעראנען. אונזערע וועטעראנען האבן געדינט אונזער לאנד, און עס איז אונזער פאראנטווארטליכקייט צוריק צו געבן און נאכקומען זייערע עסן אומזיכערהייט באדערפענישן. אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען, מאכן מיר אן ענדערונג. די וועטעראנען וואלונטירן אויף א וועכענטליכן אופן ביי די קאמפיין קעגן הונגער צו זיכער מאכן אז אנדערע וועטעראנען און פאמיליעס באקומען געזונטע און נארהאפטיגע מאלצייטן. אלץ איינס פון די שטערקסטע און מערסטע איינפלוסרייכע אנטי-הונגער שתדלנים אין ניו יארק סיטי, איז עס אן עהרע פאר TCAH צו דינען אונזערע וועטעראנען."

**טונקל-הויטיגע וועטעראנען פאר געזעלשאפטליכע גערעכטיגקייט CEO, וווענדי מעקלינטאן, האט געזאגט,** "די מאלצייטן זענען געווען קריטיש פאר וועטעראנען, זייערע פאמיליעס און די קאמיוניטי. וועטעראנען און זייערע פאמיליעס בענעפיטירן ווייל פילע וועטעראנען זענען אויף א קביעות'דיגע איינקונפט וואס איז אונטער אדער נאענט צו די ארימקייט שטאפל, באזונדערס די וועלכע האבן פאמיליעס. די מאלצייטן שפארן נישט נאר איין אויסגאבן פאר די פאמיליע, נאר זיי ערלויבן זיי אויך צו קויפן געזונטע עסנווארג און ערלויבן זיי צו פארברענגען צייט מיט זייערע פאמיליעס דורכן אנגרייטן די מאלצייט צוזאמען און זיך אראפזעצן צוזאמען צו געניסן פון א היים געקאכטע מאלצייט אלץ א פאמיליע. דאס צוגרייטן די מאלצייטן דורך די שותפות'דיגע ארגאניזאציעס האבן אויפגעקלערט פילע וועטעראנען איבער אגריקלוטור, וויאזוי פרוכט און גרינצייג ווערן פראדוצירט און פארטיילט. פילע וועטעראנען נעמען יעצט אונטער ארבעטן אין גערטנער אין די געגנט אלץ א מעטאד פון גייסטישע געזונטהייט טעראפיע, אלץ א דירעקטע רעזולטאט פונעם פארשטיין מער איבער וויאזוי עסן אומזיכערהייט אפעקטירט אזוי פיל אמעריקאנער, באזונדערס וועטעראנען."

**איבער די דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס**

די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון וועטעראנען סערוויסעס – וואס האט געדינט אלץ די סטעיט'ס שתדלנות אגענטור פאר וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס זינט 1945 – האלט זיך צו אין איבערגעגעבנקייט אין די אגענטור צו דינען אלע וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס מיט א ברייטע רייע פון סערוויסעס, אריינרעכענענדיג מיט קלעימס און אפעלירונגען פאר בענעפיטן פון די פאראייניגטע שטאטן דעפארטמענט פון וועטעראנען אנגעלעגנהייטן (Department of Veterans Affairs), אפעלירונגען פאר די טיטל נאכן באפרייט ווערן צו די פאראייניגטע שטאטן פארטיידיגונג דעפארטמענט (Department of Defense) און קלעימס פאר ניו יארק סטעיט בענעפיטן. וועטעראנען, מיליטער מיטגלידער און מיליטער פאמיליעס ווערן געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די דיוויזיע אויף 888-838-7697 אדער אויף איר וועבזייטל זיך צו טרעפן מיט א טרעינירטער וועטעראנען בענעפיטן אדווייזאר – פערזענליך אדער אויף א ווירטואלן פארנעם – צו אדרעסירן זייערע באדערפענישן און צו באקומען די פולשטענדיגע סומע פון בענעפיטן וואס עס קומט זיך זיי. פאַלאָוט די DVS אויף Facebook, Instagram און Twitter.

**איבער HelloFresh**

HelloFresh איז די וועלט'ס גרעסטע מאלצייט פעקלעך פירמע, און זיי האבן אפעראציעס אין 18 אינטערנאציאנאלע מארקעטס. אין 2021 האט HelloFresh דעליווערט מער פון 450 מיליאן מאלצייט צו קליענטן אריבער די פאראייניגטע שטאטן. קאנצעטרירנדיג זיך אויף צו העלפן אמעריקאנער עסן מער ענווייראמענט-פריינטליך — איז HelloFresh די ערשטע קארבאן-באלאנסירטע מאלצייט פעקל פירמע. HelloFresh איז באשטימט געווארן אלץ אמעריקע'ס בעסטע קאסטעמער סערוויס פאר מאלצייט פעקלעך אין 2020 און איז ערוויילט געווארן אלץ די מערסטע פארלעסליכע מאלצייט פעקל דעליווערי סערוויס אין אמעריקע אין 2021 און 2022 דורך Newsweek. HelloFresh איז געגרונדעט געווארן אין בערלין אין נאוועמבער 2011 און האט אפיסעס אין די פאראייניגטע שטאטן אין ניו יארק, טשיקאגו און באָלדער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418